**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 60 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר טראנספארמאטיווע גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן**
**וואס באקעמפן די ווירקונגען פון קלימאט טויש אין**
**ניו יארק סטעיט**

***גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט פראגראם שטופט פאראויס ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט אגענדע אין גאווערנער האקול'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע***

***נאענט צו 50 פראצענט פון פינאנצירונג פאר ניו יארק סיטי פראיעקטן טיילווייז געשטיצט דורך דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' פון 2022***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 60 מיליאן דאלאר אין גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט (Green Resiliency Grant, GRG) פינאנצירונג צו שטיצן 13 טראנספארמאטיווע גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די סטעיט. די פראיעקטן וועלן באקעמפן די ווירקונגען פון קלימאט טויש, באזונדערס אין פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע און שוואכערע קאמיוניטיס. דער GRG פראגראם, געשטיצט דורך דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act), וועט אויספירן פארשפרעכונגען איבער שטאנדהאפטיגקייט אין גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, צו באשיצן ניו יארקער פון עקסטרעמע וועטער און פארזיכערן גלייכע צוטריט צו ריינע וואסער קוועלער. מיט כמעט האלב פון די געלטער ווערנדיג געשאנקען פאר ניו יארק סיטי צו מאכן די סיטי מער שטאנדהאפטיג, טוט די היינטיגע אנאנס אונטערשטרייכן אונזער סטעיט'ס אנטשיידענע פארפליכטונג צו אדרעסירן א שטאנדהאפטיגע און גרינערע צוקונפט פאר די סיטי.

"האריקאנען 'העלין' און 'מילטאן' זענען נאך א דערמאנונג איבער די דרינגנדע שריט וואס זענען נויטיג ביים אינוועסטירן אין שטאנדהאפטיגקייט מאסנאמען צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "שטארקע און שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור זענען אונזער פראנט ליניע פון פארטיידיגונג. צוזאמען מיט אונזערע סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער, טוט דער ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ באפעסטיגן אונזער אינפראסטרוקטור און באשיצן אונזערע קאמיוניטיס פאר פילע קומענדיגע דורות."

די GRG איז א טייל פון גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן און שריט צו היטן אויף ריינע וואסער, פארגעשטעלט אין איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און עקזעקיוטיוו בודזשעט. גאווערנער האקול האט צוגעטיילט 60 מיליאן דאלאר צו דעם פראגראם אין אפריל פון 2024 דורכאויס 'ערד וואך', און די גרענטס ווערן פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC). די EFC האט ארויסגעגעבן ערשטיגע בארעכטיגונג כללים פאר די פובליקום צו לאזן קאמענטארן אויף זיי אנגעהויבן אין מערץ, און זי

האט זיך באנוצט מיט די קאמענטארן וואס זענען צוריקגעהערט געווארן אויף די ערשטיגע בארעכטיגונג כללים צו גיבן געדאנקען פאר די אנטוויקלונג פון דעם פראגראם.

די גרענטס זענען אנאנסירט געווארן דורך EFC פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאָולמאן, ביי א געשעעניש היינט אין וואן קאָרטלאנד פארק אין די בראנקס. א 10 מיליאן דאלארדיגע GRG גרענט וועט שטיצן א פראיעקט צו אויפלעבן די טיבעטס ברוק. די טיבעטס ברוק וואס איז אין די פארגאנגענהייט בלאקירט געווארן מיט א דאמבע און באגראבן געווארן צו שאפן א מיל טייכל וועט אויסגעגראבן ווערן, און די ריכטונג פון די פלוס וועט איבערגעארבעט ווערן זיך באנוצנדיג מיט נייע סארטן גרינע אינפראסטרוקטור טעכניקן. דאס וועט נישט נאר אויפרעכטן די וואסער שטרוים צו איר נאטורליכער מצב, נאר עס וועט אויך באדייטנד רעדוצירן איבערפליסנדע אויסגעמישטע סוער און שטורעם וואסער וואס גיסן זיך אריין אין די הארלעם ריווער מיט איבער 200 מיליאן גאלאנען יערליך. דער פראיעקט וועט אויך שאפן א נייע פארק פלאץ, מאכנדיג א טרעיל אויף אומבאנוצטע באן שינעס, פארלענגערנדיג די פאָטנעם גרינוועי און גיבנדיג פאר איינוואוינער פארבעסערטע צוטריט צו נייע אפענע שטח און אריין צו די וואן קאָרטלאנד פארק. דורכן עס פארבינדן צו די 750-מייל-לאנגע עמפּייער סטעיט טרעיל, וועט די אינציאטיוו ערמעגליכן א מער צוגענגליכע און הנאה'דיגע דרויסנדיגע ערפארונג פאר פיסגייער און ביציקליסטן.

דער טיבעטס ברוק פראיעקט איז איינס פון דריי אין ניו יארק סיטי צו באקומען גרינע גרענטס, פאר א סך הכל פון נאענט צו 27 מיליאן דאלאר אין די ערשטע רונדע פון דעם GRG פראגראם, ארויסווייזנדיג די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו ענווייראמענט-פריינטליכע און שטאנדהאפטיגע שטאטישע אנטוויקלונג.

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאָולמאן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט די וויכטיגקייט פון פארשטערקערן אינפראסטרוקטור פון לאקאלע רעגירונגען צו באקעמפן די ווירקונגען פון קלימאט טויש. די EFC איז פארפליכטעט צו פאראויס שטופן די גאווערנער'ס דייטליכע שטאנדהאפטיגקייט פלאן דורכן שענקן קריטישע גרענטס פאר די קאמיוניטיס וועלכע נויטיגן זיך דערין דאס מערסטע. ניו יארק סטעיט ברענגט נייע אינוועסטירונג, מאדערנע אינפראסטרוקטור און שיין-באצאלטע גרינע דזשאבס צו קאמיוניטיס."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגע קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "גרינע אינפראסטרוקטור לייזונגען העלפן באשיצן אונזערע קאמיוניטיס און די סביבה דורכן אפכאפן, איינזאפן און בעסער קאנטראלירן שטורעם וואסער נאכפאלגנדיג פארמערטע פארפלייצונגען און שווערע וועטערס געטריבן דורך קלימאט טויש. דורך גאווערנער האקול'ס אינוועסטירונגען פאר דורות פון דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' און אנדערע מקורות, מאכט ניו יארק אנהאלטנדע פארשריט צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט אין פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, באזונדערס אין די קאמיוניטיס וואס טראגן די שווערסטע לאסט פון ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג און די וויקונגען פון קלימאט טויש. די היינטיגע אינוועסטירונג פון 60 מיליאן דאלאר איז נאך איין שיינענדיגע ביישפיל פון וויאזוי ניו יארק טוט היטן אויף קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**NYC דעפּארטמענט פון פארקס און פארוויילונג (Department of Parks & Recreation) קאמישאנער, סוּ דאָונאג, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר קאנפראנטירן די ווירקונגען פון קלימאט טויש, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן באפעסטיגן אונזער אינפראסטרוקטור צו מאכן אונזערע קאמיוניטיס מער שטאנדהאפטיג פאר די קלימאט. מיר זענען עקסטרעם דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן צושטעלן פינאנצירונג פאר די וועזנטליכע גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע וועלן פארשטערקערן די באפעסטיגונג און פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער, מינימיזירן די ווירקונג פון עקסטרעמע וועטערס און פארזיכערן צוטריט צו ריינע וואסער."

**NYC טשיעף קלימאט אפיסער און DEP קאמישאנער, ראָוהיט ט. אגארוואלא, האט געזאגט,** "דאס אדרעסירן קלימאט טויש, קאנטראלירן שטורעם וואסער און אויפרייניגן די סביבה פאר כמעט האלב פון די סטעיט'ס באפעלקערונג וועלן פארלאנגען א באדייטנדע סומע פון אינוועסטירונג, און די גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענטס זענען א געוואלדיגעביישפיל פון די סטעיט רעגירונג זיך באנעמנדיג מיט דעם נושא און זיך אנשליסנדיג מיט די סיטי ביים מיטטיילן די קאסטן. איך בין דאנקבאר פאר די EFC און DEC פארן אנערקענען די באדערפענישן, און איך קוק ארויס צו פארזעצן די שותפות און צו פארבעסערן די לעבנס פון די בירגער אין די אחריות פון אונז ביידן."

**פראיעקטן באקומענדיג פינאנצירונג:**

**ברוּם קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור ( Broome County Industrial Development Agency):** 1.475 מיליאן דאלאר פאר די Roberson Museum גרינע אינציאטיוו זיך צו באנוצן מיט וואסער זאמלונג גרובער מיט פלאנצונגען; אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער; איינגעפלאנצטע וואסער קאנאלן; און אויפגעראכטענע איינגעפלאנצטע שטחים ארום די וואסער — צו קאנטראלירן שטורעם וואסער און פארשטערקערן באפעסטיגונג קעגן פארפלייצונגען ביי די היסטארישע Roberson Mansion און פארבינדענע איינריכטונגען אין בינגעהעמטאן.

**באפעלאו סוּער אויטאריטעט (Buffalo Sewer Authority):** 8.75 מיליאן דאלאר פאר דעם Rain Check 2.0 פארק פראיעקטן צו נוצן גרובער פון אויסגעשורה'טע ביימער צו אפכאפן שטורעם וואסער, רעגן גערטנער, אונטערערדישע שטורעם וואסער סטארעדזש סיסטעמען און אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער אין פינף פארקס. דער פראיעקט וועט רעדוצירן שטורעם וואסער וואס ווערט נישט איינגעזאפט אין די ערד מיט 100,000 קיוביק פיס יערליך, רעדוצירן איבערפליסנדע אויסגעמישטע סוּער און שטורעם וואסער דורכאויס עקסטרעמע וועטערן, אדרעסירן שטאטישע 'היץ אינזל' אפעקטן, פארבעסערן לופט קוואליטעט און באררייכערן פארוויילונג געלעגנהייטן.

**ווילעדזש אָוו דאַלדזשוויל:** 1.75 מיליאן דאלאר פאר דעם North Main Street Waterfront Park פראיעקט צו נוצן גרובער פון אויסגעשורה'טע ביימער צו אפכאפן שטורעם וואסער, לעכער צו זאמלען וואסער, אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער און איינגעפלאנצטע שיפע ערד צו רעדוצירן אפלויף וואסער צו די שטורעם סוּער סיסטעם און צו די איסט קאנאדע קריק. דער פראיעקט וועט פארבעסערן וואסער קוואליטעט און צושטעלן די ערשטע עפנטליך-צוגענגליכע פארבינדונג צו די פאנאראמישע וואסער שטרוים, באררייכערנדיג פארוויילונג אקטיוויטעטן. פלענער רעכענען אריין א שפיל ארט, סווינגס גארטן, פאוויליאן און פיסגייער וועגן מיט אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער.

**טאון אָוו געדעס:** 1.025 מיליאן דאלאר פאר דעם Dwight Business Park גרינע אינפראסטרוקטור איבעראַרבעטונג פראיעקט צו אינסטאלירן וואסער זאמלונג גרובער מיט פלאנצונגען, איינגעפלאנצטע וואסער קאנאלן און אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער אין סטראטעגישע לאקאציעס אינערהאלב די ביזנעס פארק. דער פראיעקט וועט רעדוצירן פארפעסטיגונג פון נישט-נקודות'דיגע מקורות פון אנקומען אין די אָנאָנדאַגאַ לעיק בשעת'ן אויפרעכטן אומגעפער איין אקער פון זומפיגע שטח און רעדוצירן שטאטישע היץ אפעקטן.

**ווילעדזש אָוו העיסטינגס-אָן-האדסאן:** 2.5 מיליאן דאלאר פאר דעם פערעגאט פארקוועי לאנג-טערמיניגע וואסער זאמלונג טייכלעך פראיעקט צו האלטן אפלויפנדע וואסער, עס האלטנדיג אין פלאץ פאר פארפעסטיגנדע כעמיקאלן צו זיך זעצן און צו לאזן וואסער איינגעזאפט ווערן און פלאנצונגען ארויסלאזנדיג וואסער אין די לופט דורך זייערע בלעטער. די וואסער זאמלונג טייכל און אפלויף קאנאל וועלן רעדוצירן די שנעלסטע פליסנדע וואסערן צו בוּטיליערס ברוק, א וואסער שטרוים וואס ווערט אפט איבערגעשטרענגט דורכאויס שטורעמס, און זיי וועלן פארלייכטערן די אנגייענדע און חורבנות'דיגע פארפלייצונגען וואס ווערן געזעהן אין באוואוינטע געגנטער.

**סיטי אָוו קינגסטאָן:** 4.375 מיליאן דאלאר פאר דעם זיכערע און צוגענגליכע פלעטבוש און פאקסהאל געסער אויסשטעל פראיעקט צו צולייגן איינגעפלאנצטע קאנאלן און שטורעם וואסער ביימער גרובער צו פארמערן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט, רעדוצירן וואסער וואס ווערט נישט איינגעזאפט און באשיצן נאטורליכע קוועלער. פארבעסערונגען צו די אויסשטעל פון די גאס וועט פארשטערקערן זיכערהייט פאר פיסגייער און ביציקליסטן אין א פארנומענע שטאטישע געגנט.

**ווילעדזש אָוו מעמעראָונעק:** 6.6 מיליאן דאלאר פאר די אונטערנעמונג צו אויפרעכטן די גרינג-פארפלייצטע שטח נעבן די וואסער צו פארקלענערן פארפלייצונג סכנות אין א פלאץ דעזיגנירט צו זיין אין הויכע סכנה דורכן שאפן צוויי פארפלייצונג-פארשטייטערנדע בענק. דער פראיעקט וועט פארגרעסערן די קאפאציטעט פאר פארפלייצונג וואסער סטארעדזש און פארבעסערן וואסער קוואליטעט מיט נאטורליכע פילטרירונג פון זאמד און שמוץ.

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון פארקס און פארווייילונג ( New York City Department of Parks and Recreation):** 10 מיליאן דאלאר פאר דעם Harlem Meer שטורעם וואסער שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט. דורך קלוגע וואסער אינפראסטרוקטור און אויפרעכטונג פון עקאלאגישע סיסטעמען, וועט דער פראיעקט טראנספארמירן צענטראל פארק'ס צפון וואסערן צו ווערן א סיסטעם פון מערערע טייכלעך פאר שטורעם וואסער קאנטראלירונג, רעדוצירנדיג די סכנה פון פארפלייצונגען אין צענטראל הארלעם און איסט הארלעם.

**ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority):** 6.85 מיליאן דאלאר פאר דעם Jefferson Houses Cloudburst פראיעקט צו קאנטראלירן, האלטן און פילטרירן אפלויף וואסער ביי א פובליק האוזינג דעוועלאפּמענט אין איסט הארלעם. דער פראיעקט וועט אינסטאלירן אן אונטערערדישע וואסער זאמלונג סיסטעם, צעמענטענע אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער און צוויי סינטעטישע גראז פעלדער. די גרינע אינפראסטרוקטור שיטות וועלן רעדוצירן שטאטישע 'היץ אינזל' אפעקט בשעת'ן גיבן פאר איינוואוינער צוטריט צו פלאץ פאר דרויסנדיגע פארווייילונג.

**ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט ( New York City Municipal Water Finance Authority):** 10 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר דעם טיבעטס ברוק אויפדעקונג פראיעקט צו רעדוצירן איבערפליסנדע אויסגעמישטע סוער און שטורעם וואסער זיך אריינגיסנדיג אין די הארלעם ריוווער מיט מער פון 200 מיליאן גאלאנען יערליך, מיט פארבעסערטע צוטריט צו נייע אפענע שטח און אריין אין די וואן קאָרטלאנד פארק, באַרייכערנדיג די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער.

**סיטי אָוו נארט טאָנעוואַנדע:** 1.5 מיליאן דאלאר פאר דעם Oliver Street גרינע אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט צו טוישן אויבערפלאכן וואס לאזן נישט אריבער וואסער צוריק צו גרינע שטח, רעדוצירן די ברייטקייט פון די אויספלאסטערונג, איינפלאנצן ביימער אויפן גאס און אינסטאלירן סטרוקטורישע זאמדן און/אדער וואסער זאמלונג גרובער מיט פלאנצונגען. דער פראיעקט וועט פארלענגערן אן עקזיסטירנדע שטורעם סוער און אפזונדערן אויסגעמישטע שטורעם און שמוציגע וואסער סוערס, רעדוצירנדיג אומגערייניגטע וואסער אריינרינענדיג אין די ניאגרא ריווער.

**סיטי אָוו אגדענסבורג:** 2.925 מיליאן דאלאר פאר דעם Downtown Mall פארשענערונג, גרינע אינפראסטרוקטור און שטורעם וואסער רעדוקציע פראיעקט צו נוצן אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער און צולייגן וואסער-זאמלונג פלאנצונגען און רעגן גארטן טעכניקן. דער פראיעקט וועט פארבעסערן די וואסער קוואליטעט אין די סעינט לאורענס ריווער און רעדוצירן שטורעם וואסער אריינפליסנדיג אין די שטאט'ס אויסגעמישטע שמוץ וואסער און שטורעם וואסער סוער סיסטעם. א נייע קליינע שטאטישע פארק וועט האבן לענדסקעיפינג דעזיין צו זאמלען און איבערנוצן רעגן וואסער. LED

באלייכטונג און עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס וועלן נאך מער פארשפרייטן באנייבארע ענערגיע אפציעס צו רעדוצירן די אלגעמיינע קארבאן באנוץ אין די פארקינג פלאץ.

**סיטי אָוו יוטיקע:** 2.25 מיליאן דאלאר פאר די אויפרעכטונג פון די גרינג-פארפלייצטע שטח ארום די נעיל קריק צו בויען פארפלייצונג-פארשטייטערנדע בענק און מאכן איינגעפלאנצטע זאנעס צו פארשטייטערן וואסער אדער זומפיגע שטח לענגאויס די נעיל קריק ביי די פלאץ וואו די וואסער גיסט זיך צוזאם מיט Halleck's Ravine, אדרעסירנדיג פארפלייצונגען דורכאויס שטורעמעס.

**שוואכערע קאמיוניטיס**
"שוואכערע קאמיוניטיס" זענען די וואס זענען אידענטיפיצירט דורך די 'קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע' (Climate Justice Working Group), לויט דעם [קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ](https://) (Climate Leadership and Community Protection Act). שוואכערע קאמיוניטיס ווערן באטראפן דורך קלימאט טויש מער פון אנדערע, און זיי זענען אויסגעשטעלט צו העכערע סכנות פון פארפעסטיגונג, פארפלייצונגען און עקסטרעמע היצן. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען נישט ווייניגער פון 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון די 4.2 ביליאן דאלאר אין ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ געלטער. די EFC האט געזוכט צו איבערשטייגן די 40 פראצענטיגע ציהל פאר דעם GRG פראגראם.

**ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארמערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג מער פון 2.2 ביליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2024 אליין. מיט $500 מיליאן אריבערגעלייגט צו ריינע וואסער אינפעסטרוקטור אין די פיסקל יאר 2025 אינאקטעד בודשעט געמאלדן דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור זינט 2017 און די יאר. גאווערנער האקול'ס איניציאטיוון פון איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע העלפן פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען און מאכן זיכער אז קאמיוניטיס קענען אויסנוצן די אינוועסטירונגען. די גאווערנער האט פארמערט WIAA טיילונגען פאר אפלויף וואסער פראיעקט פון 25 צו 50 פראצענט פון נעט בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר קלענערע פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך אויסגעברייטערט די EFC's 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור ווערט געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף [https://efc.ny.gov/CAT](https://efc.ny.gov/CAT).

די פינאנצירונג, אין צוגאב צו אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט, רעכנט אריין דעם ווילער-באשטעטיגטן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' פון 2022 וואס שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן און פלאנצונגען וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג אונטער דעם ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ איז פארטיילט געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנער האקול האט אנאנסירט 479 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 156 פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 309 מיליאן דאלאר וואס איז צוגעשטעלט געווארן פאר שוואכערע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן